# דע
# ליוב



# ר
# אוויטשער
# גענעראל

הרב **ר' ברוך אליהו שלמה קונין** שליט"א, דער ליובאוויטשער גענעראל, וועלכער האט געעפנט דעם ערשטן בית חב"ד, און פירט היינט אן א מלוכה פון נאנט צו 250 חב"ד הייזער, מיט איבער 480 שלוחים לענגאויס קאליפארניע // **יש קונין עולמו**

**הרב ר' לייביש ליש**

בילדער: מב"ד, ארכיון



ד ונטאג פרשת חקת, ג' תמוז, תשנ"ד, טויזנטער מענטשן זענען פארזאמלט אינעם מאנטיפיורי בית החיים אין קווינס, אלע מיט געשוואלענע פארוויינטע אויגן און גרעסענע קריעות אויף זייערע רעקלעך. דער הימל איז באדעקט מיט שווארצע וואלקנס, און א שרעקעדיגע שטילקייט הערשט אויפ'ן גאנצן האריזאנט.

ס'איז נאכנישט דורך קיין פיר און צוואנציג שעה זינט דער פטירה פון ליובאוויטשער רבין זצ"ל. דאס הסתלקות איז געווען א ביטערער און שווערער קלאפ פאר די צאללאזע ליובאוויטשער חסידים וואס זענען געווען געבונדן אינעם רבי'ן נאכמער ווי קינדער צו א טאטע, און צענדליגער טויזנטער מענטשן האבן זיך פלוצלינג געטראפן אין א נייעם מציאות וואס זיי האבן זיך נישט געראכטן און נישט געגרייט דערצו.

אסאך שאלות האבן גענאָגט די אידישע וועלט, יעדער האט זיך געוואונדערט און געוואלט וויסן וואס מער, אבער די עיקר שאלה האט מען נישט געדארפט פרעגן, עס האט זיך געהערט אין דער לופטן פון זיך אליין...

וואס גייט זיין ווייטער? וויאזוי וועט חב"ד אנגיין אן א רבי? וואס וועט זיין מיט די אלע מוסדות איבער דער גאנצער וועלט וואס דער רבי האט אויפגעשטעלט? וועט עס חס ושלום אונטערגיין? וואס וועט זיין מיט אלע שלוחים וואס וואוינען אויף די פארווארפנסטע ערטער? וועלן זיי אפלאזן אלעס און צוריק אהיימקומען?

די שאלה האט געשוועבט אין דער לופט, און עס איז נישט געווען קיינער אויף דער וועלט וואס האט געהאט אן ענטפער דערפאר.

די היסטארישע טרויעריגע לויה איז ארויס פון בית אגודת חסידי חב"ד אויף איסטערן פארקוועי מיט דער באטייליגונג פון שווערע טויזנטער משתתפים, און ווען מען האט ארויסגעפירט דעם ארון פונעם בנין, האט זיך פלוצלינג אראפגעלאזט פון הימל א גאָס רעגן, און עס האט יעדער געשפירט אז דער הימל וויינט מיט אויף דער גרויסער אבידה.

אויב איינער האט נאך געהאט דעם מינדסטן ספק וועגן דעם פלאן אויף ווייטער, האט ער יעצט געהערט א קלארן ענטפער. מען שטעלט זיך נישט אפ! מען גייט ווייטער! מען וועט בויען און זיך אויסברייטערן מיט א פעסטקייט אן קיין גרעניצן. פון יענער מינוט האט זיך אנגעהויבן א נייע תקופה אין חסידות חב"ד איבער דער גאנצער וועלט!

ווען די לויה האט דערגרייכט צום אוהל הקדוש אינעם מאנטיפיורי בית החיים אין קווינס, האט מען באהאלטן דעם רבי'ן אינעם אוהל פון זיין שווער כ"ק אדמו"ר הרה"ק מהריי"ץ מליובאוויטש זי"ע.

די מינוטן פון סתימת הגולל זענען געווען די שווערסטע און די שרעקעדיגסטע אין דער היסטאריע פון חסידות חב"ד אין אמעריקע.

א יתמות שפירט זיך אינעם גאנצן האריזאנט, יעדער איז צעמישט, פארלוירן און פארצווייפלט. קיינער רעדט נישט ארויס קיין ווארט, די שרעקעדיגע מחשבות איבער דעם עתיד צעטרייסלען אלע הערצער.

פלוצלינג! הערט זיך א קול וואס האט אויפגעדינערט דעם גאנצן בית החיים!

דאס קול איז פון איין זייט געווען א צעבראכן צעהאקט, א קול פול מיט ווייטאג און צער, אבער פון דער אנדערער זייט איז עס געווען א קול שאגת ארי, א געשריי וואס האט אויפגעריסן ווי א באמבע!

**"רבי! אין נאמען פון מיינע חברים די שלוחים פון איבער דער גאנצער וועלט זאג איך צו! און איך שווער! אז מען וועט ממשיך זיין די עבודת השליחות, מען וועט נישט לאזן חלילה די גאנצע אימפעריע זאל פאלן, מען וועט אפהיטן די מוסדות פונעם רבי'ן, מען וועט זיי אויסברייטערן און מאכן וואקסן און בליען!"**

אויב איינער האט נאך געהאט דעם מינדסטן ספק וועגן דעם פלאן אויף ווייטער, האט ער יעצט געהערט א קלארן ענטפער.

מען שטעלט זיך נישט אפ! מען גייט ווייטער! מען וועט בויען און זיך אויסברייטערן מיט א פעסטקייט אן קיין גרעניצן.

פון יענער מינוט האט זיך אנגעהויבן א נייע תקופה אין חסידות חב"ד איבער דער גאנצער וועלט!

**ווער איז דער איד וואס האט אויסגעשריגן דעם געשריי? ווער האט אים געבעטן? פון וואו האט ער געהאט די כוחות עס צו טון?**

ווען איך האב מיט יארן צוריק געליינט אט דעם באריכט, האב איך מחליט געווען אז איך מוז אמאל טרעפן דעם חסיד און איך מוז אים פרעגן די דאזיגע שאלה.

ווען איך האב זיך אביסל אינטערעסירט איבער אים האב איך אויסגעפונען אז דער איד איז איינער פון די גרעסטע חב"ד שלוחים פון דער גאנצער וועלט. ער איז א פלאם-פייערדיגער חסיד מיט'ן נאמען הרב ר' ברוך אליהו שלמה קונין שליט"א, דער הויפט שליח חב"ד אין קאליפארניע.

איך האב אויך געהערט אז ער איז שוין



בלי עין הרע איבער די אכציג, און האט אונטער זיך א מלוכה פון נאנט צו 250 חב"ד הייזער, מיט איבער 480 שלוחים לענגאויס קאליפארניע (וואס איז דער גרעסטער שטאַט אין גאנץ אמעריקע). און מיט וועלכן חב"ד'סקער חסיד איך האב נאר גערעדט וועגן אים, האט יענער אויפגעמאכט א מויל פול מיט התפעלות, יעדער האט זיך אויסגעדרוקט מיט בערך דעם זעלבן נוסח: צו פארשטיין ווער רבי שלמה קונין איז און וואס ער האט אלץ אויפגעטון אין זיין שטורמישן לעבן, קען מען זיצן גאנצע טעג און אנפילן גאנצע ביכער. דער מענטש פארמאגט ענערגיע פון א גאנצער ישיבה פון אפאר הונדערט לעבעדיגע בחורים צוזאמען. אין יעדער גרויסער זאך אין חב"ד דורכאויס די לעצטע פופציג יאר האט ער געהאט א חלק.

בעיקר האבן אלע ארויסגעברענגט זיין געניצליכע און שטארקע התבטלות צום רבי'ן, און קיין שום 'איך' עקזיסטירט נישט ביי אים ווען עס איז געקומען צום רבינ'ס אן ענין. ער וועט גיין אין פייער און וואסער אויסצופירן דעם רבינ'ס רצון, און טאקע דערפאר האט ער געגאסן אן אויסטערלישע חביבות ביים רבי'ן, און זוכה געווען צו אזעלכע קירבות'ן וואס כמעט קיינער אין חב"ד האט נישט זוכה געווען דערצו.

שוין, יעצט דארף איך אים טרעפן, און וואו קום איך אן פון בארא פארק קיין קאליפארניע?

ויהי היום און מיין חברותא הרה"ח ר' חזקיהו שעהנבערגער הי"ו דערציילט מיר אז ער איז געווארן נאנט מיט א חב"ד'סקער יונגערמאן מיט'ן נאמען 'קונין', וואס זיין זיידע איז דער הויפט שליח אין קאליפארניע.

"חזקי!" געב איך א געשריי, "איך מוז טרעפן דעם שליח! דו מוזט מיר מסדר זיין אז איך זאל אים קענען באגעגענען, איך מוז אים עפעס פרעגן."

צומארגנס קומט מיין חברותא צוריק זאגנדיג, אז מען דארף נישט פארן ביז קאליפארניע, ווייל רבי שלמה האט א מנהג שוין פאר די לעצטע דרייסיג יאר צו קומען צו פארן פון קאליפארניע יעדן איינציגן שבת מברכים קיין 770, און מיין חברותא ר' חזקי האט טאקע באשטעלט א זיצונג פאר מיר פאר'ן קומענדיגן מאל וואס ער וועט זיין דא.

דעם קומענדיגן שבת מברכים איז געווען פרשת ויקהל פקודי, שבת חזק, שבת החודש, און יענעם פרייטאג, כ"ד אדר תשפ"ג, האב איך ערפילט איינס פון מיינע גרעסטע חלומות פון מיין לעבן! איך האב געהאט די זכיה צו האבן א פריוואטע זיצונג און א פארברענג מיט דעם חסיד רבי שלמה קונין אין איינעם פון די פריוואטע פארשלאסענע צימערן אין 770.

יענעם פרייטאג, כ"ד אדר תשפ"ג, האב איך ערפילט איינער פון מיינע גרעסטע חלומות פון מיין לעבן! איך האב געהאט די זכיה צו האבן א פריוואטע זיצונג און א פארברענג מיט דעם חסיד רבי שלמה קונין אין איינעם פון די פריוואטע פארשלאסענע צימערן אין 770

די זיצונג איז געווען באשטימט פאר 10:00 אינדערפרי. צו דער באשטימטער צייט זענען מיר אגעקומען צו דער חב"ד הויפטקווארטיר אויף 770 איסטערן פארקוועי, מיר זענען ארויף די טרעפ, אריין אינעם ערשטן שטאק, ביז מיר האבן דערגרייכט דעם היסטארישן קאמוניקאציע צימער (זע מער וועגן דעם צימער אינעם זייטיגן קעסטל), און מיר האבן געקלאפט אויף דער טיר. דארט האט אונז מקבל פנים געווען א איד מיט א שניי-ווייסער בארד און א ליכטיגע חסיד'ישע צורה. ער האט אונז פארבעטן צו זיצן, און אן קיין גרויסע הקדמות אנגעהויבן דעם שמועס.

ווען איך האב געהאט באשטעלט די זיצונג האט מען מיר קלאר געזאגט אז עס וועט נישט קענען נעמען לענגער ווי צוואנציג מינוט (ווייל יעדע מינוט וואס רבי שלמה געפינט זיך אין ניו יארק איז אויסגערעכנט מיט זיצונגען, עסקנות וכו'). למעשה זענען מיר געזעסן צוזאמען כמעט צוויי שעה! ער איז געזעסן און דערציילט פון זיין לעבן, זיינע שליחות'ן פון רבי'ן, מעשה נאך מעשה, איין עובדא נאך דער צווייטער, אלעס פון זכרון ארויס, און בכלל נישט לויט'ן סדר פון די יארן.

עס האט מיר גענומען א לאנגע צייט אויסצושטעלן דעם שמועס אין א כראנאלאגישן סדר, כדי מען זאל האבן עטוואס א בילד פון דעם פערזענליכקייט, און זיך אויסלערנען פון אים וויאזוי לעבט א חסיד וואס איז נאר פארנומען צו טון דעם רצון פון זיין רבי'ן און העלפן אנדערע אידן.

לכתחילה האב איך געפלאנט מפרסם צו זיין אונזער גאנצע באגעגעניש מיט די העכסט-דראמאטישע שילדערונגען פון נאנט צו צוויי שעה אין די שפאלטנס פון "שריפט" לכבוד פסח, אבער איך האב געשפירט אז איך דארף אסאך מער צייט צו באארבעטן דעם שמועס, דעריבער האב איך לכבוד פסח קודם באשריבן א מורא'דיגע מעשה וואס ער האט מיר דערציילט וואס האט פאסירט מיט אים פסח ביינאכט תשט"ז אין דער בראנקס (מסתמא געדענקט איר דאס אלע), און אצינד לכבוד דעם יארצייט פונעם ליובאוויטשער רבי' וועלן מיר ברענגען דעם העכסט אינטערעסאנטן שמועס, וואס איז בעצם געווען א געהעריגער חסיד'ישער פארברענג מיט אלע פיטשעווקעס.

**■ שלום עליכם הרב קונין, ב"ה מען זעט זיך. איך וויל אנהייבן אונזער שמועס מיט'ן סוף... איך האב געליינט אז ווען ס'איז געווען ג' תמוז נישט מער געדאכט, האט איר ביי סתימת הגולל זיך אויפגעשטעלט און געשוואוירן אז די שליחות וועט ווייטער אנגיין. זאגט מיר וויאזוי האט איר געהאט די כוחות דאס צו טון?**

*אנשטאט און ענטפער האט*
*רבי שלמה אויסגעבראכן אין א*
*שרעקליכן געוויין.*
*איך האב זיך אבער נישט געלאזט*
*און נאכאמאל געפרעגט:*

**■ ר' שלמה. וויאזוי האט איר געהאט די שטארקייט יענעם ג' תמוז אויסצושרייען אזא צוזאג? איך גיי יעדעס יאר צום כינוס השלוחים, איך קוק זיך ארום, ס'איז מורא'דיג. איין יאר בין איך געזעסן נעבן הרב אברהם חיים זילבער שיחי', דער שליח אין צפת, וועלכער איז אגב אן אייניקל פון דעם גאון רבי אברהם חיים נאה זצ"ל. זאג איך אים: "דו זעסט וואס דא טוט זיך? דאס איז רבי שלמה'ס שבועה..." איר האט דאך געזאגט: "רבי, איך שווער!" וואס האט אייך געגעבן דעם כח דאס צו טון?**

נאר דער אויבערשטער אליין!

**■ איר זענט געווען צוגעגרייט צו דעם, אדער עס איז ארויסגעקומען?**

איך בין נישט געווען צוגעגרייט. בכלל בין איך א מענטש וואס גרייט זיך קיינמאל נישט צו צו גארנישט, איך שפרינג אריין אין א זאך אן טראכטן פריער.

**■ איר האט פשוט געזען דעם מצב און געזאגט: רבי איך זאג צו?**

אן קיין הסבר. דער זעלבער רבי וואס האט אונז געוויזן וואו צו גיין אלעמאל, האט מיר געוויזן וואס צו זאגן דארט!

**■ איך האב געהערט פון אנדערע אז אייער געשריי האט טאקע געגעבן די שטארקייט צו גיין ווייטער. למעשה וויפיל יאר איז שוין זינט יענעם ג' תמוז?**

צופיל יאר...

**■ ווי אפט קומט איר פון קאליפארניע אהער קיין 770?**

איך פאר יעדן שבת מברכים צום רבי'ן!

**■ איינער האט מיר געזאגט אז איר צאלט די עלעקטריק דא אין 770?**

יא.

**■ וויאזוי האט זיך דאס אנגעהויבן?**

דאס איז שוין אסאך יארן, מסתמא בערך צען יאר נאך ג' תמוז. סיי געז און סיי עלעקטריק צאל איך. און ס'איז אנגעצונדן דא 24/7!

**■ דאס קאסט דאך א מאיאנטעק מיט געלט?**

היד ה' תקצר?...

**■ איר זענט געבוירן אין אמעריקע?**

יא, שוין דער צווייטער דור אין אמעריקע. איך האב געוואוינט אין דער בראנקס.

**■ איר שטאמט פון ליובאוויטשער חסידים?**

מיין זיידע, החסיד רבי מענדל קונין ע"ה, איז שוין געווען א ליובאוויטשער חסיד, ער איז געווען פון די נאנטע חסידים ביים פריערדיגן רבי'ן זי"ע און ער האט געהאלפן קויפן דעם בנין פון 770.

**■ אייער זיידע האט געהאלפן קויפן 770 און דער אייניקל צאלט די געז און די עלעקטריק...**

גוט... דרך אגב מיין ברית מילה איז געווען אינעם טאג פון דער חנוכת הבית פון 770 וואס איז פארגעקומען ביום כ"א אלול שנת ת"ש.

**■ און פון וואו שטאמט אייער מוטער?**

אויך פון חסידים, אירע עלטערן האבן געהאט א שייכות צום פריערדיגן רבי'ן. איר פאטער האט געהייסן ר' מרדכי ווילסקער. ער האט געוואוינט אין פילאדעלפיע.

**■ וויאזוי ווערט א שידוך פון דער בראנקס מיט פילאדעלפיע?**

אה, דאס איז שוין א חסיד'ישע מעשה... געווען איז דאס מאנטאג י"ב אלול שנת תרפ"ט ווען דער פריערדיגער רבי זי"ע איז אנגעקומען פון אייראפע אויף א באזון



הרב קונין ג' תמוז תשנ"ד עטליכע שעה נאך דער לויה מערקט די קריעה אויף זיין רעקל

ווען ס'איז געווען ג' תמוז נישט מער געדאכט, האט איר ביי סתימת הגולל זיך אויפגעשטעלט און געשוואוירן אז די שליחות וועט ווייטער אנגיין

קיין אמעריקע מיט א שיף. א גרויסער עולם איז ארויסגעקומען צו דער שיף מקבל פנים זיין דעם רבי'ן. צווישן זיי מיין זיידע ר' מענדל פון דער בראנקס, און מיין זיידע ר' מרדכי פון פילאדעלפיע. דארט האט זיך אויך געפונען דער באקאנטער חסיד און שליח פון דעם רבי מהריי"ץ, רבי מאטל חפץ הי"ד (ער איז נעבעך שפעטער פארברענט געווארן לעבעדיגערהייט צוזאמען מיט די באקאנטע חסידים רבי איטשע דער מתמיד מיט ר' אלי' חיים אלטהויז הי"ד). מיינע ביידע זיידעס וואס זענען דארט געווען האבן געהאט א אידישע צורה מיט א פולער בארד, א זעלטענע זאך בימים ההם אין אמעריקע, גייט רבי מאטל חפץ צו צו זיי ביידע און זאגט: "ר' מרדכי דו האסט א מיידל, רבי מענדל דו א אינגל, לאמיר מאכן א שידוך!" דער מצב אין אידישקייט איז געווען געפערליך אין אמעריקע אין יענע יארן.

מיין מאמע איז געווען גאר א חשוב'ע פרוי. עס ליגט פאר מיינע אויגן וויאזוי איך בין א קליין קינד און זי זיצט ביי דער

# דער ליובאוויטשער גענעראל

פיאנאו און זינגט זיך אונטער צו אונז א ניגון מיט די ווערטער: "ווען בין איך א חסיד'ל האב איך נישט קיין מורא, בין איך מיר א חסיד'ל איך האף צום בורא..." דאס געדענק איך.

■ **ס'איז דאך נישט געווען קיין ישיבות אין דער בראנקס, וויאזוי זענט איר אויפגעוואקסן?**

ס'איז געווען איין ישיבה אין דער בראנקס, סאלאנטער ישיבה (נאך דעם גאון רבי ישראל סאלאנטער זצ"ל).

■ **איר האט אמאל געזען דעם פריערדיגן רבי'ן מהוריי"צ זי"ע?**

ניין.

■ **ווען האט איר געזען דעם רבי'ן צום ערשטן מאל?**

ווען איך בין געווען עלף יאר אלט, מיין טאטע האט מיך גענומען מיט מיין ברודער ר' פנחס ע"ה צו א פארברענגן אין דער סוכה. דאס איז געווען דאס ערשטע מאל.

אין יענעם יאר זענען אונז געווען אויף יחידות ביים רבי'ן. איך בין געווען עלף יאר אלט און מיין ברודער ע"ה איז געווען צוועלף יאר אלט. דער רבי האט דאן געזאגט אז יעצט איז די צייט וואס מיר דארפן גיין אין ליובאוויטשער ישיבה. און כאטש וואס דאס איז זייער ווייט פון דער בראנקס, איז נישט קיין פראבלעם, ווייל זיי האבן א דארמעטארי.

האט מיין מאמע זיך גענומען וויינען: "רבי, דאס זענען מיינע צוויי אויגן אין קאפ..."

האט דער רבי געזאגט אזוי: "בכלל, וועלן זיי צוריקקומען אין ישיבה זונטאג, ממילא פאר דעם שבת וועט מען זיין צוזאמען מיט זיי, זונטאג א האלבער טאג ביז זיי קומען צוריק, מאנטאג וועט איר זיי נישט זען, דינסטאג וועט איר זיי ברענגען סענדוויטשעס, מיטוואך און דאנערשטאג וועט איר זיי נישט זען, און פרייטאג קומען זיי שוין צוריק אהיים אויף שבת."

אזוי זענען אונז אריין צו דער ליובאוויטשער ישיבה לערנען, און דאס איז געווען א גרויסע מסירות נפש פון מיין מאמע אוועקצושיקן יונגע קינדער שלאפן אין א דארמעטארי, אלעס כדי זיי זאלן לערנען אין אן עכט חסיד'ישער ישיבה.

פאר מיין בר מצוה בין איך אריין צו יחידות. איך בין געבוירן געווען י"ד אלול, און דער שבת נאך דער בר מצוה ווען איך האב עולה געווען לתורה איז יענע יאר אויסגעקומען ח"י אלול. האט דער רבי מיר געזאגט, "אזיווי דיין בר מצוה בהשגחה עליונה וועט זיין ח"י אלול, און דאס איז דער טאג פונעם יום הולדת פונעם הייליגן בעל שם טוב און דעם אלטן רבי, ממילא ח"י אלול גיט חיות פאר'ן גאנצן חודש אלול, און חודש אלול גיט חיות פאר'ן גאנצן יאר, ממילא זאלסטו טון אלעס וואס איז תלוי אין דיר אז ס'זאל זיין א ווארעם לעבעדיג לעבן!"

■ **איך מיין אז ס'איז מקויים געווארן במילואו...**

דא האט רבי שלמה אונז דערציילט די מעשה וואס האט פאסירט פסח ביינאכט ווען ער איז געווען א פופצן יעריגער בחור, און דער רבי האט געשיקט מיט אים א מצה צו א הויז פון בלינדע קינדער, אזיווי מיר האבן עס באשריבן באריכות אין 'די שריפט' פון פארגאנגענעם פסח.

■ **הרב קונין, איר האט געעפנט דעם ערשטן בית חב"ד?**

ריכטיג.

■ **וויאזוי?**

דער רבי האט מיך געשיקט צו קאליפארניע.

■ **אין וועלכן יאר איז דאס געווען?**

שנת תשכ"ה. איך בין אריין צום רבי'ן און דער רבי האט מיר געזאגט: "שלמה, דו פארסט צו קאליפארניע צוזאמען מיט דער רביצין." (זאל זי האבן א רפואה שלימה, מרת אדל מרים בת בלומא לאה.)

■ **איר האט פארדעם געפרעגט דעם רבי'ן איבער פארן אויף שליחות?**

איך האב גערעדט מיט הרב חאדאקאוו, דעם רבינ'ס הויפט מזכיר. אלעס אין חב"ד פלעגט אדורכגיין זיינע הענט. און דער רבי האט אים געזאגט אז איך זאל אריינקומען אויף יחידות.

בין איך דעמאלט אריין צוזאמען מיט מיינע עלטערן און מיין רביצין, האט דער רבי געזאגט: "דו פארסט קיין קאליפארניע, זאלסט איינעמען גאנץ קאליפארניע!"

איך בין א מענטש וואס פארשטייט נישט קיין פשטים, אז דער רבי האט געזאגט אז איך דארף איינעמען גאנץ קאליפארניע, האב איך מיך אויפגעהויבן, און איך בין גלייך געפארן קיין לאס אנדזשעלעס. איך בין געגאנגען צו דעם חסיד רבי שמואל דוד הלוי רייטשיק וואס האט דארט געוואוינט, און ער איז געווען א שד"ר פונעם רבי'ן, ער האט מיר געגעבן עסן, דערנאך האב איך גלייך געפונען א דירה, וואו איך האב געטראגן מיינע זאכן און זיך דארט איינקווארטירט.

גלייך נאכדעם האב איך מיך



מיט דעם רבי זצ"ל

אריינגעזעצט אין אן אויטא אינאיינעם מיט מיין רביצין, און דורכגעפארן גאנץ קאליפארניע, דעם גאנצן וועג ארויף, ממש פון איין עק צום אנדערן, דעם גאנצן וועג ארום ביז מעקסיקא!

■ **פארוואס זענט איר געפארן? צו טון וואס?**

איינגעמען קאליפארניע!... דער רבי האט דאך אזוי געזאגט. אונז האבן זיך אפגעשטעלט אין עטליכע פלעצער צו עסן און געטראפן עטליכע אידן. איך האב געהאט פארשידענע מעשיות.

■ **הלוך ונסוע הנגבה...**

יא יא, און היינט זענען פארהאן חב"ד הייזער אין די אלע פלעצער.

■ **ווען האט מען אויפגעמאכט דעם ערשטן בית חב"ד?**

ליובאוויטש האט נישט געהאט קיין שול, ווייל הרב רייטשיק'ס שליחות איז נישט געווען צו מאכן א שול, ער איז געווען א שד"ר צו פארן אין גאנץ אמעריקע, צו מחזק זיין מלחמה איבערלעבער אז זיי זאלן חלילה נישט פארפאלן גיין. גראדע איז זיין גאנצע משפחה אויך אויסגע'הרג'עט געווארן ביים קריג הי"ד.

ס'איז געווען דארט א רב, הרב תרשיש ע"ה, וואס האט פארמאגט א גרויסע שול, האט ער געזאגט פאר ר' דוד רייטשיק: קוק אהער, איך וויל פארן וואוינען קיין ארץ ישראל, איך האב ליידער נישט קיין קינדער, איך וויל אבער בלייבן מיט א שטיקל הכנסה פון געלט צו האבן מיט וואס צו לעבן. די איינציגסטע זאך וואס דו דארפסט טון איז שאפן געלט אפצוקויפן די שול, און אזוי וועלן מיר ביידע פארדינען, איך וועל האבן פרנסה און דו א שול.

הרב רייטשיק האט מיר טאקע מציע געווען אפצוקויפן יענעמס שול, און איך האב געדארפט גיין זוכן געלט. בין איך געגאנגען פרעגן דעם רבי'ן, האט דער רבי מיר געזאגט: "שלמה, א שול? פון וואו וועט זיך עס אויסהאלטן?"

אה, בכלל פלעגט דער רבי געבן ענטפערס מיט א סיבה מלובש בדעת, אבער ס'איז לאו דוקא אז די סיבה האט א שייכות.

אקעי, איין הצעה אראפ פון טיש... גוט, פארשטיי איך אז דער רבי וויל אז עפעס



רב קונין ביים רבינ'ס לוי'

# דער ליובאוויטשער גענעראל

זאל זיך אויסהאלטן.

איין טאג האב איך באמערקט א שילד אויף א געביידע וואס שטייט דערויף 'סווימינ"ג סקול' און אז די געביידע איז פאר סעיל פאר הונדערט טויזנט דאלאר, א סכום עצום בימים ההם. גלייך האט מיר אריינגעבליצט א געדאנק אפצוקויפן דעם בנין און מאכן א סווימינ"ג תלמוד תורה... זונטאג אינדערפרי' וועל איך מאכן א חדר, אסאך מענטשן וועלן שיקן ווייל ס'וועט זיין פאר ביליג, פון 8 ביז 9 וועט מען שווימען, און פון 9 ביז 10 וועט מען לערנען תורה, און זיי וועלן אהיימגיין, דעמאלט וועלן קומען מדריכות מיט די מיידלעך און פון 10 ביז 11 וועט מען שווימען, פון 11 ביז 12 וועט מען לערנען תורה, און דעמאלט וועלן זיי אהיימגיין.

בין איך אריין צו אהרן גאלדשמידט, אונזער'ס א בעל תשובה וואס זיינע אייניקלעך זענען היינט חסיד'ישע אידן און טוען אויף א געוואלד, ער איז געווען א גרויסער מבין אין ביזנעס, און איך האב אים געבעטן אז ער זאל אריינקוקן אין דעם צו זען אויב דאס וועט זיך אויסהאלטן פינאנציעל [ווייל מיין טבע איז פונקט פארקערט, איך האב קיינמאל נישט געמאכט קיין חשבונות...]. איז ער צוריקגעקומען און מיר געזאגט: "שלמה, וועסט מאכן געלט דערפון." איך הער, אויב אזוי גיי איך אריין צום רבי'ן, און איך פלעג בדרך כלל שרייבן די שאלה און אוועקלייגן דעם צעטל פאר'ן טיש. דארט איז געווען אפגעשריבן אז נישט נאר מ'פארלירט נישט קיין געלט, נאר מ'מאכט. ס'איז א מורא'דיגע זאך.

זאגט דער רבי: "אזויפיל געלט? הונדערט טויזנט דאלאר? שלמה, ביסט דאך קוים אנגעקומען אין לאס אנדזשעלעס, וואס וועט מען זאגן: ער איז קוים אנגעקומען און שוין אויסגעגעבן הונדערט טויזנט דאלאר?" דער רבי האט געמאכט מיט די הענט און געזאגט "אה!" [דאס הייסט אראפ פון טיש]...

למעשה האב איך מיך געוונומען צו דער ארבעט. איך האב אנגעהויבן צו גיין צו רעפארם סקולס (אין זייערע שולן טאר מען דאך נישט אריינגיין) און איך האב אויפגעטראטן פאר די קינדער, געלייגט מיט זיי תפילין, דערציילט אז עס איז פארהאן א ג-ט אויף דער וועלט. איך האב געטאנצן און געשפרונגען פאר זיי.



נאך א שטיק צייט האבן די טייערע אידישע קינדער וואס זוכן דעם אמת מיך אנגעהויבן נאכלויפן. האב איך אנגעהויבן איינצולאדענען די קינדער צו מיר אין שטוב פאר שבת.

די רענט פון מיין דירה איז געווען $125 א חודש, וואס איך האב קוים געקענט באצאלן פאר מיין אידישן לענדלארד. מ'האט אראפגענומען די מאטראצן פון די בעטן, מ'האט עס אויסגעלייגט אין דער דיינונג ראָם, אויף דער ערד און אויף דער קאוטש. איין פרייטאג צונאכטס איז געווען אינגלעך און די קומענדיגע וואך איז געווען מיידלעך.

איך האב זיי גענומען צו דער שול פון הרב גינזבערג, א טייערער איד [איך האב דאך נאכנישט געהאט דאן קיין שול]. איך בין אריין מיט די קינדער, אלע מיט לאנגע האר, טעטאוס און מאדנע קליידער. די אלע מתפללים דארט, מלחמה איבערלעבער, האבן אויפגעמאכט אויף מיר א פאר אויגן אזיווי איך וואלט געלאנדעט פון דער לבנה.

איינער פון זיי איז צוגעקומען צו מיר: "וואס האסטו געברענגט אזעלכע שמוץ צו אונזער שול?" האט הרב גינזבערג ע"ה געזאגט, "דער יונגערמאן ווייסט וואס ער טוט, לאזט אים אפ!"

די קומענדיגע פרייטאג צונאכטס האב איך געלאדנט מיידלעך, אבער דערוויל האט מען זיך גענומען צו מיינעביינער פון די אנדערע דריי טענענטס פון דער געביידע וואו איך האב געוואוינט, זיי האט נישט געשמעקט דעם גאנצן טומל יעדן שבת. נו, די רענט האט מען קוים געקענט באצאלן, און דער לענדלארד וואס איז געווען א טייערער איד זאגט מיר: "רעביי, מ'קען נישט אנגיין אזוי. איך האב דיר געטראפן א דירה וואס איז א גאס אוועק פון דא, יענער וועט עפרישיעיטן א רעביי."

האב איך געזאגט: "איך האב נישט קיין געלט זיך אריבערצוציען." האט ער מיר געזאגט: "איך וועל דיך אריבערנעמען, אבי דו גייסט אוועק פון דא..."

דער בעל הבית איז געווען א איד וואס איז זייער א ווארילער מענטש, אים איז טאקע גארנישט אנגעגאנגען, אבער נאך א קורצע צייט זענען די שבתים זיך צעוואקסן און ס'איז שוין נישט געווען קיין פלאץ וואו זיך צו רירן.



פורים תשכ"ט, ווען הרב שלמה קונין שליט"א האט איבערגעגעבן פארן רבי'ן דער שליסל פונעם ערשטן בית חב"ד

בין איך אריין צום רבי'ן. איך האב קיינמאל נישט געשריבן דעם רבי'ן קיין חלומות, איך גלייב נישט אין דעם. מענטשן דרוקן זיך אויס ווען זיי קלערן א סברא: "איך טראכט!" זיי, די טראכטערס, זיצן נאך היינט און טראכטן... בין איך געגאנגען צום רבי'ן, איך האב געטראפן א געביידע פאר צוויי הונדערט און פופציג טויזנט דאלאר, און איך האב נישט קיין פרוטה.

איך האב עס למעשה באקומען, ס'איז א לאנגע מעשה, איך האב עס געקענט אראפהאנדלען פון צוויי הונדערט און פופציג טויזנט צו הונדערט פינף און צוואנציג טויזנט!

אונז האבן געשריבן דעם רבי'ן אז מ'וויל דאס רופן 'בית חב"ד', ווייל חב"ד ח'כמה ב'ינה ד'עת איז דער ריכטיגער נאמען, און דער רבי האט גלייך מאשר געווען: "אה... א חב"ד הויז!" מ'זאל רופן אלע ביים זעלבן נאמען. און פונקט אזיווי גימבעלס (א גרויסע טשעין-סטאר מיט אסאך געשעפטן, אזיווי היינט וואלמארט) האבן אלע דעם זעלבן נאמען, אז וואו א מענטש גייט נאר, זוכט ער אויף דעם געשעפט מיט דעם נאמען, די זעלבע זאך זאל זיין מיט א חב"ד הויז, אלע זאלן האבן דעם זעלבן נאמען, אזוי אז ווען איינער דארף עפעס זאל ער עס גרינג טרעפן לויט דעם נאמען.

פורים תשכ"ט ביים פארברענג זענען מיר צוגעגאנגען צום רבי'ן מיט די שליסלען פון דעם בית חב"ד און מען האט געזאגט פאר'ן רבי'ן: "דאס איז דער שליסל פונעם חב"ד הויז." האט דער רבי געפרעגט: "וואספארא חב"ד הויז איז דאס?"

> י"א ניסן שנת תשל"ב ווען דער רבי איז אריין אין זיין שנת השבעים, האט דער רבי געבעטן פון די חסידים אז במשך דעם קומענדיגן יאר זאל מען אויפמאכן 71 מוסדות. האב איך גלייך געשריבן א צעטל און אריינגעשיקט צום רבי'ן אז איך נעם צען פראצענט. דאס הייסט 7 מוסדות, למעשה האב איך אויפגעמאכט צוועלף! און קיין איין פרוטה אין טאש...

האבן מיר געזאגט: "רבי, ס'איז נאר דא איין."

האט דער רבי געזאגט: "זיי נישט פארוואונדערט, ס'וועט זיך פארשפרייטן פון דער וועסט צו דער נאָרט, פון נאָרט צו סאוט און פון דארט צו דער איסט. מ'זאל אלע רופן דעם זעלבן נאמען - חב"ד הויז."

פון דא און ווייטער האט שוין אנגעהויבן פארן א באן. יעדע שטיק צייט האט זיך געעפנט נאך א חב"ד הויז, נאך א מוסד, און די זאך האט אנגעהויבן וואקסן און בליען ווי אויף הייוון.

## ■ און וויאזוי האט זיך עס טאקע אויסגעשפרייט?

י"א ניסן שנת תשל"ב ווען דער רבי איז אריין אין זיין שנת השבעים, האט דער רבי געבעטן פון די חסידים אז במשך דעם קומענדיגן יאר זאל מען אויפמאכן 71 מוסדות. האב איך גלייך געשריבן א צעטל און אריינגעשיקט צום רבי'ן אז איך נעם צען פראצענט. דאס הייסט 7 מוסדות, למעשה האב איך אויפגעמאכט צוועלף! און קיין איין פרוטה אין טאש...

## ■ האט איר אמאל געהאט שוועריגקייטן דורך די יארן?

[צעשמייכלט זיך] אן שוועריקייטן קומט מען נישט אן ערגעץ, אבער אז דו פרעגסט וועל איך דיר דערציילן א הימלישע מעשה מיט ניסים וואס איך האב געזען וואס דער רבי האט מיר משפיע געווען שלא כדרך הטבע.

געווען איז דאס אין יאר תשמ"ג, אונזערע פעולות אין קאליפארניע האבן דערגרייכט צו גאר הויכע שטאפלען, גאנצע געביידעס, מוסדות, צענדליגער בתי חב"ד און נאך. אבער אין דער זעלבער צייט האבן די חובות זיך אויך געהויבן מיט דער זעלבער שנעלקייט, עד כדי כך אז מיר האבן דערגרייכט צו א חוב פון דער אסטראנאמישער סומע פון אכצן מיליאן דאלאר! אונז זענען געווען אויף געהאקטע צרות. די בענק האבן געלייגט שרעקליכע דרוק אויף אונז. זיי האבן געוואלט צונעמען די געביידעס, און איך האב נישט געהאט קיין אנונג פון וואו מען גייט נעמען דאס געלט צו ראטעווען דעם מצב.

אין יענער צייט האט אויך פאסירט א שרעקליכע טראגעדיע, א גרויסער

# א וועלט'ס פערזענליכקייט מיט א פשוט'ן פליפ-פאון

איינס פון די גאר אינטערעסאנסטע חידושים איבער ר' שלמה וואס האט געצויגן מיין אויג בשעת אונזער פארברענג, איז דער פאקט אז מען רעדט דאך דא פון איינעם פון די סאמע גרעסטע שלוחים אין דער חב"ד אימפעריע, איינער וואס האט אונטער זיך אן אייגן מיליטער פון הונדערטער מוסדות, ער שטייט אין קאנטאקט מיט די גרעסטע פאליטיקאנטן, פילאנטראפן, מידיע-לייט, און וואס נישט, דאך באניצט זיך ר' שלמה בלויז מיט א פשוט'ן פליפ-פאון! ממש אזוי! און ער האט מיר מסביר געווען אז די היינטיגע טעכנאלאגיע איז דער חורבן פונעם דור, און דערפאר ניצט ער נאר דעם פשוט'סטן סארט טעלעפאן. און ווי זיין זון זאגט מיר, איז ר' שלמה א גרויסער לוחם אויף דעם נסיון פון טעכנאלאגיע, און ער איז א מוסטער פון א מענטש וואס ווייזט פאר יעדן אז מען קען שפילן א גרויסע ראלע אין דער וועלט אן האבן א סמארטפאון. אה, אשריך ר' שלמה, בלויז דאס צוקוקן דאס איינע, האט זיך געלוינט דער גאנצער פארברענג.



הרב קונין אלס טייל פון א משלחת ביי פרעזידענט רעיגאן

## דער ליובאוויטשער גענעראל

בית חב"ד האט אפגעפלאקערט און דריי מענטשן זענען נעבעך אוועק ל"ע אינעם פייער. דער רבי האט אונז דעמאלט געשיקט א טשעק פון אכצן טויזנט דאלאר פאר דעם בנין וואס איז פארברענט געווארן, און דער רבי האט צוגעצייכנט אז נאך א שריפה ווערט מען רייך. אבער דערווייל האבן זיך די טעג געדרוקט, די חובות האבן געדרוקט, און דאס עשירות האבן מיר נאכנישט געזען פאר די אויגן.

יענעם יאר י"ג ניסן (דער יארצייט פונעם צמח צדק זי"ע) אינמיטן דער שווערער אנגעצויגענער תקופה וואס מיר זענען אדורך, האב איך געכאפט א פליגער און געקומען קיין 770 וואו דער רבי האט פארברענגט. אינמיטן דעם פארברענג האט דער רבי געזאגט א גאנצע שיחה וועגן דעם מאמר פונעם רבי המהר"ש "לכתחילה אריבער" (זע קעסטל). אינמיטן דעם שמועס האט דער רבי זיך גענומען זאגן א גאנצן שטיקל וועגן מיר: "עס זענען פאראן אזעלכע וואס זענען מפרש דעם ענין פון "לכתחילה אריבער" נישט אויפ'ן ריכטיגן וועג, זיי פירן זיך אויף ווי עס פאסט אין עולם התוהו און שפרינגען אריין אין פראיעקטן אן חשבונות. לדוגמא, זיי האבן זיך אנגעבארגט ריזיגע סכומים געלט פאר ענייני קדושה, וואס אפילו בדרך נס איז נישט שייך צוריקצוצאלן אזעלכע סכומים... דעריבער דארף מען קלאר מאכן אז די הכרזה פון "לכתחילה אריבער" דארף זיין מיט אן אופן וואס פאסט אין עולם התיקון..."

דער רבי האט צוגעענדיגט: אז די וואס האבן זיך יא געפירט אויפ'ן אופן פון לכתחילה אריבער וויבאלד זייער כוונה איז געווען לטובה, וועט דער אויבערשטער זיכער העלפן אז ער זאל קענען צאלן די חובות אין וואס ער האט זיך אריינגעלייגט אין אן אופן פון הוספה ותבא עליו ברכה.

איך בין ארויס פון דעם התוועדות אינגאנצן צעמישט, פון איין זייט האב איך פארשטאנען אז אפשר האב איך זיך נישט געפירט ריכטיג מיט דעם וואס איך האב גענומען אויף זיך אזעלכע ריזיגע פראיעקטן און אסטראנאמישע התחייבות'ן. פון דער אנדערער זייט בין איך געווארן מלא שמחה אז דער רבי האט געבענטשט אז עס זאל אריינקומען א ברכה און איך זאל קענען אפצאלן די חובות. איך בין געווען זיכער און פול מיט אמונה אז די ברכה פונעם רבי'ן וועט מקויים ווערן און איך וועל מצליח זיין צו דעקן די חובות. איך האב נישט געוואוסט וויאזוי עס וועט געשען, אבער איך האב יא געוואוסט אז עס וועט געשען!

די קומענדיגע פאר חדשים האב איך געהאט עטליכע דורכפעלער מיט מענטשן וואס האבן מיר צוגעזאגט ריזיגע סכומים צו דעקן די חובות, איינער איז געווען סתם חלומות, און א צווייטער האט קודם געזאגט אז ער וועט געבן, נאכדעם האט ער באשלאסן אז עס איז נאר א הלוואה. און איך האב שוין געהאט צוגעזאגט פאר'ן באנק אז אט אט ווערט אלעס מסודר, און דערווייל איז עס בלויז געווען א דמיון. בקיצור, דער מצב איז געווען אזוי מין ביטער, אז איך האב כמעט געזען ווי מיין גאנצע ארבעט צעפאלט פאר מיינע אויגן.

איין אינדערפרי בשעת איך האב געזונגען 'שיבנה בית המקדש' האב איך זיך שטארק צעוויינט, איך האב געזונגען די ווערטער 'שיבנה בית המקדש במהרה בימינו ותן חלקינו בתורתך', אבער מיט בכיות נוראות. איך האב נישט געוואוסט וואו מיך אהינצוטון. וואס גיי איך זאגן פאר די אלע בענק וואס איך האב זיך מתחייב געווען אז אלעס וועט ווערן מסודר? וואס גיי איך זאגן צו די בעלי בתים? איך האב זיך פרובירט צו קאנצענטרירן אבער עס איז מיר נישט געגאנגען.

בין איך ארויף צו מיין אפיס און געקלונגען צום רבינ'ס מזכיר הרב חאדאקאוו ע"ה און איך האב זיך גענומען מורא'דיג וויינען. איך האב געזאגט: "איך בין א גענעראל, איך האב א מיליטער אונטער מיר און איך דארף לאזן וויסן פאר מיינע סאלדאטן וואס אונזער מצב איז."

איך האב צוגעלייגט אז דער רבי האט דאך צוגעזאגט אז דער מצב וועט ווערן מסודר, און איך גלייב דערין מיט מיין גאנצן הארץ, אבער די בענק און מיינע בעלי בתים זאגן אז מיר זענען משוגעים... און איך האב געבעטן אז ער זאל אריינגיין צום רבי'ן און בעטן ביים רבי'ן אז עס זאל זיך ענדיגן און איך זאל ארויסקריכן וואס פריער פון דעם גאנצן פלאנטער.

הרב חאדאקאוו האט מיר געבעטן איך זאל צוריקרופן אין צען מינוט, און איך האב פארשטאנען אז דעמאלט וועט דער רבי זיין אויפ'ן ליין און מיטהאלטן דעם שמועס [דורכאויס די יארן האט זיך שוין געמאכט אסאך מאל אז דער רבי איז געווען אויפ'ן ליין און מיטגעהאלטן מיינע שמועסן מיט הרב חאדאקאוו].

נאך צען מינוט האב איך צוריקגערופן, דער רבי איז טאקע געווען אויפ'ן ליין, און הרב חאדאקאוו זאגט מיר: איך בין געווען יעצט ביים רבי'ן, און היות דו האסט געוויינט און זיך אויסגערעדט דאס הארץ אזוי שטארק, האט דער רבי געהייסן פרעגן "וואס ווילסטו?"

איך האב פארשטאנען אז עס איז יעצט א ספעציעלער עת רצון, האב איך זיך אנגערופן אין אן אופן פון לכתחילה אריבער אז: "דער גלות זאל זיך ענדיגן", און איך האב נישט דערמאנט קיין איין ווארט פון געלט...

פלוצלינג הער איך דעם רבינ'ס קול וואס פרעגט: "און וואס נאך ווילסטו?" האב איך גלייך געענטפערט: אז דער רבי מיט דער רביצין זאלן זיין געזונט און שטארק און שעפן אסאך נחת פון אלע חסידים.

נאך עטליכע מינוט פרעגט מיר הרב חאדאקאוו: "דו קענסט די מעשה פון 'כלים ריקים אל תמעיטי'?" [די מעשה פון אלישע הנביא וואס אן אלמנה האט געוויינט פאר אים אז זי האט חובות און דער נביא האט איר געפרעגט וואס זי האט אינדערהיים, האט זי געזאגט בלויז איין קריג אויל, האט דער נביא איר געהייסן בארגן וואס מער כלים פון די שכנים, און איר געזאגט 'אל תמעיטו'! קארג נישט אויף קיין ליידיגע כלים, און דערנאך איר באפוילן אנצופילן אלע ליידיגע כלים מיט'ן אויל פון דעם איינעם קריגעלע, און בדרך נס זענען אלע ליידיגע כלים געווארן פול מיט אויל]. האב איך געענטפערט: "יא, איך קען די מעשה."

פלוצלינג הער איך נאכאמאל דעם קול פונעם רבי'ן וואס פרעגט: "און וועלכע כלים פארמאגסטו?" האב איך פארשטאנען אז דעם רבינ'ס כוונה איז, אז איך זאל מציע זיין א 'כלי' וואס אויף דעם זאל די ברכה חל זיין, האב איך געענטפערט אז איך האב בעלי בתים, דער רבי האט ארויסגעלאזט א שווערן קרעכץ, האב איך פארשטאנען אז דער רבי איז נישט צופרידן מיט דעם ענטפער. האב איך גלייך געזאגט: "איך האב צוויי פיס און איך גיי

## "לכתחילה אריבער"

אין חב"ד איז פארהאן א מימרא בשם כ"ק אדמו"ר מהר"ש מליובאוויטש: **"די וועלט זאגט אז מיא קאן ניט ארונטער דארף מען אריבער, און איך האלט אז מיא דארף 'לכתחילה אריבער'. מיא דארף לכתחילה נעמען מיט שטארקייט, ניט נתפעל ווערן פאר קיין זאך, און דורך פירן דאס וואס מיא דארף. און אז מיא נעמט זיך – העלפט דער אויבערשטער."**

דער פשט פון דעם 'פתגם' איז, אז רוב מענטשן אויף דער וועלט פרובירן קודם אויפ'ן געהעריגן וועג, און אויב וועלן זיי נישט מצליח זיין אויפ'ן געוועגליכן וועג, הערשט דעמאלט וועלן זיי פרובירן איבערצושפרינגען אויף אלע שוועריקייטן אבער דער רבי מהר"ש זאגט אז מען דארף גיין "לכתחילה אריבער" און גלייך זיך נעמען מיט א שטארקייט איבערשפרינגען אויף אלע שוועריקייטן און שטרויכלונגען.

עס איז אפילו פארהאן א ניגון אין חב"ד וואס רופט זיך "לכתחילה אריבער", וואס דער הויכער פאל דערפון איז א תנועה פון איבערשפרינגען מיט א שטארקייט.

אויב וויל מען נעמען דעם מציאות פון דעם שליח רבי שלמה קונין און עס אריינלייגן אין צוויי ווערטער, איז דאס "לכתחילה אריבער"! רבי שלמה האט קיינמאל נישט פרובירט דעם געהעריגן וועג, ער האט קיינמאל נישט געטראכט וועגן ער האט געעפנט א מוסד פון וואו ער וועט האבן געלט דערצו אדער אנדערע דעטאלן, ער איז פשוט אריינגעשפרונגען דערין אין אופן פון 'לכתחילה אריבער', און נאכדעם האבן זיך זאכן מסדר געווען.

אין חב"ד זאגט מען טאקע אז דער רבי האט זיך אמאל אויסגעדרוקט אויף רבי שלמה אז ער איז דער איינציגסטער וואס האט באמת פארשטאנען און אויסגעפירט די הוראה פונעם רבי'ן מהר"ש אז מען דארף גיין "לכתחילה אריבער".



נאכן שמועס מיט הרב קונין. רעכטס שטייט בנו העומד לימינו הרב מענדל קונין



**דאס גאנצע געריכט איז געווען איין גרויסער נס. בדרך הטבע האט חב"ד נישט געהאט קיין גרויסע שאנסן צו האבן עפעס א גרויסער זיג, דער סוף איז אבער געווען: אז דאס געריכט האט גע'פסק'נט אז דער מאן דארף שוין איבערגעבן פאר חב"ד קאליפארניע דעם סכום פון איין און צוואנציג מיליאן דאלאר!**

מיט אמונה, מיט שמחה און בטחון צו טון אלעס אפצוצאלן די חובות." דא האט דער רבי מגיב געווען "אהה, אהה," האב איך פארשטאנען אז דער רבי איז צופרידן.

א תקופה שפעטער בין איך געווען ביים רבי'ן, האב איך געבעטן פונעם רבי'ן אז די ליידיגע כלים זאל זיך אנפילן און עס זאל מקויים ווערן וואס עס שטייט דארט ווייטער אז אלישע הנביא האט געזאגט צו דער אלמנה "וְשַׁלְּמִי אֶת נִשְׁיֵךְ" [זאלסט קענען באצאלן דיינע חובות פון דער וואס מאנט דיך]. האט דער רבי געבענטשט און צוגעענדיגט זיין ברכה מיט די ווערטער וואס עס ענדיגט זיך יענער פסוק "וְאַתְּ וּבָנַיִךְ תִּחְיִי בַּנּוֹתָר" [און דו מיט דיינע קינדער וועלן לעבן פון די איבריגע]. האב איך פארשטאנען אז נישט נאר די חובות וועלן זיך דעקן, נאר עס וועט נאך בלייבן איבריגע געלט אויפ'ן חשבון.

אפאר יאר שפעטער האט איך זוכה געווען אז די ברכה איז מקויים געווארן במילואו.

ומעשה שהיה כך היה: איין טאג באקום איך א טעלעפאן רוף אז א געוויסע רייכע פרוי דא אין קאליפארניע איז נפטר געווארן און אין איר צוואה האט זי איבערגעלאזט א דריטל פון איר פארמעגן פאר מוסדות חב"ד אין קאליפארניע. [איך בין געווען באזוכן יענע פרוי א שטיק צייט פאר זי איז נפטר געווארן (איך פלעג אייביג מיטגיין מיט א דרייווער, איך בין קיינמאל נישט געגאנגען אליין צו א פרוי אין שטוב). זי איז געווען מורא'דיג צעבראכן פון איר מצב, זי איז געווען קראנק און פול מיט צרות, עד כדי כך אז זי האט געוואלט מאכן א סוף צו איר לעבן ר"ל. איך האב איר אפגערעדט פון טון דעם שריט, און איר מחזק געווען און געהויבן איר געמיט. איך האב דעמאלט נישט געהאט קיין אנונג וואס עס וועט ארויסקומען פון דעם, איך בין פשוט געגאנגען מחזק זיין א אידישע פרוי, און איך האב אפילו פארגעסן פון דער גאנצער מעשה, ביז איך האב באקומען א טעלעפאן רוף אז יענע פרוי האט איבערגעלאזט עטליכע מיליאן דאלאר פאר חב"ד.]

פון אנהייב האב איך נישט געוואלט הערן דערפון, איך האב זיך שוין געהאט אפאר מאל אפגעבריט פון די דמיונות פון מענטשן, און איך האב נישט געהאט קיין כח עס איבערצוגיין נאכאמאל. למעשה האט זיך אבער אויסגעשטעלט אז מען האנדלט דא פון עפעס ערנסט, און פון דא און ווייטער האט זיך אלעס גערוקט אויף א הימלישן וועג.

אנגעהויבן האט זיך עס, אז דער מאן האט זיך אפגעזאגט פון איבערגעבן דאס געלט, ער האט גע'טענה'ט אז די צוואה איז נישט געזעצליך ווייל זי האט עס געשריבן ווען זי איז שוין געווען כמעט אויף יענער וועלט, אבער אלס א 'פשרה' האט ער מסכים געווען צו געבן פאר חב"ד איין מיליאן דאלאר. איך בין אבער נישט געווען גרייט צו מוותר זיין אויף גארנישט, און איך האב אים פעסטגעשטעלט מיט א קלארקייט, אז ווייניגער פון אכצן מיליאן דאלאר צו דעקן די חובות און נאך עטליכע מיליאן דאלאר פאר "נותר" איז נישטא וואס צו רעדן.

דער מאן האט זיך גענומען פירן א קאמף קעגן חב"ד קאליפארניע, און ווינטער תשמ"ח איז די זאך אנגעקומען אין געריכט.

דער טאג פונעם פראצעס בין איך אהיימגעקומען פון רוסלאנד קיין ניו יארק וועגן דער פרשה פון די ספרים (זע קעסטל). איך בין געגאנגען קיין 770 דאווענען שחרית, און ווען דער רבי איז מיך אדורך אויפ'ן וועג צו זיין פלאץ האט ער מיר געוויזן מיט דער האנט און א גרויסער שמייכל אויף זיין פנים. נאך שחרית בין איך אריין צום רבי'ן אויף יחידות, און גלייך נאכדעם געכאפט א פליגער קיין קאליפארניע צו זיין אנוועזנד ביים



דער רבי'ס לוי

געריכט.

דאס גאנצע געריכט איז געווען איין גרויסער נס. בדרך הטבע האט חב"ד נישט געהאט קיין גרויסע שאנסן צו האבן עפעס א גרויסער זיג, דער סוף איז אבער געווען: אז דאס געריכט האט גע'פסק'נט אז דער מאן דארף שוין איבערגעבן פאר חב"ד קאליפארניע דעם סכום פון איין און צוואנציג מיליאן דאלאר! יא, די ברכה פון רבי'ן איז מקויים געווארן.

■ **וויפיל בית חב"ד'ס זענען דא היינט אין קאליפארניע?**

העכער צוויי הונדערט און צוואנציג!

■ **וויפיל שלוחים זענען דא?**

איבער פיר הונדערט, און רוב פון זיי זענען ארויס אויף שליחות נאך ג' תמוז תשנ"ד, דאס מיינט אז נאך דעם רבי'נ'ס פטירה איז נישט נאר אז די זאך איז נישט צעפאלן ח"ו, נאר פונקט פארקערט, עס האט זיך אויסגעשפרייט אויף א ריזן פארנעם און עס האלט אין איין ווערן שטערקער און גרעסער.

צוויי שעה זענען אדורכגעפלויגן אזוי מין שנעל. מיר געפינען זיך אין עפעס אן אנדערן פלאנעט... אבער מען מוז ענדיגן, עס איז דאך נאך ערב שבת אויך. צום שלוס געב איך א פרעג:

■ **רבי שלמה, ווען איר קוקט צוריק די לעצטע זעכציג יאר פון אייער שטורמישן לעבן וואס איר האט אזויפיל אויפגעטון אויף דער וועלט, איר האט געבויט הונדערטער מוסדות און איר האט א חלק אין דער תורה און מצוות פון צענדליגער טויזנטער אידן וואס זענען שומרי תורה ומצוות בלויז אין אייער זכות, וויאזוי פילט איר וועגן דעם?**

לאמיך אייך זאגן איין זאך, ווי לאנג די ספרים ליגן נאך ביי דער רוסישער רעגירונג און זענען נישט צוריק אהיים אין די הענט פון אגודת חסידי חב"ד, האלט איך נאך טיף אינמיטן. איך שפיר ווי איך האב נאכנישט אויסגעפירט מיין שליחות! דערפאר איז דאס יעצט די הויפט זאך אין מיין שליחות, צוריקצובורעגנען די ספרים.

און איך בעט זיך ביי אלע ליינער שיחי', אויב באגעגנט איר א ספר אדער א כתב יד קודש וואס דרייט זיך ארום אין ליציטאציע פלעצער אדער ביי אנטיק הענדלער וואס האט באלאנגט צו דער שניאורסאן-זאמלונג, ביטע לאזט אונז וויסן ווי פריער, כדי מיר זאלן קענען מקיים זיין אויף זיי פדיון שבויים און עס צוריקברענגען צו וואו עס באלאנגט.

ר' שלמה יאגט זיך, ער האט נאך א לאנגער טאג, ער דארף נאך רופן אסאך מענטשן זאגן גוט שבת און ארייכאפן מצוות, און מיר שטעלן זיך אויף זיך צו געזעגענען, אבער אן א טענצל גייט נישט... איידער מיר פארלאזן דעם קליינעם צימער האבן מיר זיך ארויסגעלאזט אין א טאנץ אויפ'ן ניגון 'לכתחילה אריבער'.

[**א ספעציעלער דאנק פאר החסיד השליח רבי מנחם מענדל קונין שליט"א, זון פון רבי שלמה, וואס טוט אויף גדולות ונצורות אין זיין שליחות-ארט אין לארטשמאנט, קאליפארניע, בפרט איז ער שטארק עוסק אין ביקור חולים, וואו שוין דרייסיג יאר שטייט ער צו דער האנט פון אן-א-שיעור חולי ישראל וואס קומען פון דער גאנצער וועלט זיך היילן אין זיין געגנט, וואס האט אונז אסאך ארויסגעהאלפן מיט דעם ארטיקל. יבואו עליו כל הברכות משמים.**]

# לעגענדע
# דער ליובאוויטשער

## קאמוניקאציע צימער

איינס פון די מערסט-היסטארישע צימערן אין דער חב"ד הויפטקווארטיר אין 770 איסטערן פארקוועי, איז בלי ספק דער קאמוניקאציע צימער וואס געפינט זיך אויפ'ן ערשטן שטאק נישט ווייט פונעם רבי'נ'ס צימער.

דער צימער באשטייט פון א גאנצע ד' על ד', און איז ארומגענומען מיט היסטארישע מאשינען און צענדליגער טעלעפאן ליניעס אויף אלע פיר ווענט, און פון דעם צימער האט מען אריבערגעפירט די לאנגע-שעות-פארברענגענס פון דעם ליובאוויטשער רבי דורך א הוק-אפ צו אלע עקן פון דער וועלט.

ווי געזאגט קומט הרב קונין שליט"א צו פארן יעדן שבת מברכין קיין קראון הייטס, און ער האט זיין אכסניא אין דעם דאזיגן היסטארישן צימער וואו מען לייגט אריין דארט א פשוט'ע צוזאמלייג-בעט, און א פיצקעלע טישל מיט צוויי בענקלעך.

ווי מיר האבן געהערט פון אנדערע, און הרב קונין האט אונז דאס באשטעטיגט, טראגט ער דעם עול פון באצאלן די עלעקטריק און געז בילס פון 770. נעמענדיג אין באטראכט אז די לעקטער און עירקאנדישן אין דעם בנין ארבעט פיר און צוואנציג שעה אין מעת לעת, קומט דאס אויס יעדן חודש צו אסטראנאמישע ציפערן.






# ״פרשת הספרים״

איינער פון די עיקר חלקים פון דעם שטורמישן לעבן פון הרב קונין, איז בלי ספק די פרשה פון די ספרים.

מיר גייען נישט אריינגיין אין אלע פרטים פון דער קאמפליצירטער ווייטאגליכער פרשה פאר צוויי סיבות, קודם כל צוליב מאנגל אין פלאץ (עס קען נעמען א דיקער ספר אזוי גרויס ווי א בבא בתרא גמרא צו פארשרייבן אלעס ארום דער פרשה). צווייטנס, קוים צוויי וואכן צוריק איז געווען א לאנגער אויספירליכער באריכט איבער דער גאנצער פרשה דא אין ״שריפט״, אין א שמועס מיט הרב יוסף יצחק אהרונוב פון כפר חב״ד.

דאך וועלן מיר אראפברענגען עטליכע קליינע פרטים פון דעם ריזיגן בילד וואס הרב קונין האט געשפילט דערין א ראלע, ועל הכלל כולו יצא.

ווי איר האט אלע געליינט, געפינט זיך אין דער ביבליאטעק פון דער רוסישער רעגירונג א הייליגער אוצר פון צענדליגער טויזנטער ספרים און כתבי יד קודש וואס רופט זיך די ״שניאורסאהן זאמלונג״.

אט דער היסטארישער אוצר האט באלאנגט צו די הייליגע צדיקים אדמור״י חב״ד זי״ע לדורותיהם, און ווען דער פריערדיגער ליובאוויטשער רבי מהריי״ץ זי״ע איז אנטלאפן פון רוסלאנד און געקומען קיין אמעריקע, האט ער געמוזט איבערלאזן די אלע ספרים אין מאסקווע. ער האט אלץ געהאפט אז ער וועט עס אמאל צוריקבאקומען און ברענגען קיין אמעריקע צו זיין נייער ביבליאטעק וואס געפינט זיך אין א געביידע נעבן 770.

למעשה די אלע יארן וואס די קאמוניסטישע רעגירונג האט געהערשט איז דאך דאס לאנד געווען הערמעטיש פארמאכט און מען האט נישט געקענט וויסן פינקטליך וואס טוט זיך מיט די ספרים. אבער בערך אין יאר תשמ״ח ווען דער אייזערנער פארהאנג האט צוביסלעך אנגעהויבן צוזאמפאלן, האט דער רבי אהינגעשיקט שלוחים וואס זאלן אריינבלאזן א גייסט פון אידישקייט און אויפלעבן די צעבראכענע עצמות היבשות וואס זענען געווען אפגעהאקט פון אידישקייט אזויפיל יאר, און גלייכצייטיג האט זיך דער רבי אויך גענומען צו דער מיסיע פון אויפזוכן די ספרים און פרובירן זיי אהיימצוברענגען.

דער רבי האט דאן באשטימט דריי שלוחים, הרב שלמה קונין, הרב שלום בער לוין און הרב יוסף יצחק אהרונוב פון ארץ ישראל, וואס האבן זיך בימים ההם אויפגעהויבן און מקיים געווען לך לך מארצך און זיך אריבערגעצויגן קיין רוסלאנד וואס איז געווען אן עכטע 'ארץ לא זרועה' מיט אלע פירושים, און זיך גענומען ארבעטן מיט קעסל-כלים אויף אלע פראנטן צוריקצובאקומען די ספרים.

ווי שטארק ערנסט דער רבי האט גענומען דעם פאַקט אז די ספרים ליגן נאך אין רוסישע הענט, געפינען מיר אן אויסדרוק וואס דער רבי האט געזאגט פאר רבי שלמה ה' אלול תשנ״א בזה הלשון: **״שלמה, דו זאלסט וויסן אז יעדער רגע וואס די ספרים זענען בשבי', איז א מצוה פון פדיון שבויים, איך דארף דיר קיין דרשות ניט זאגן, דו ביסט אליין א רב.״**

עס איז נישט צו באגרייפן אלע סארט פעולות וואס ר' שלמה האט אלץ געטון. א חלק פון זיי קוקט אויס ווי גענומען פון עולם הדמיון... אבער ווי געזאגט איז ר' שלמה א מענטש וואס טוט אלעס מיט אן אופן פון 'לכתחילה אריבער', און ווי לאנג עס נעמט א מענטש אנצוהייבן טראכטן עצות, האלט ער שוין צען שטאפלען פאראויס.

ער האט זיך געטראפן מיט די גרעסטע שישקעס אין דער רעגירונג, אנגעהויבן מיט די פרעזידענטן גארבעטשאוו, מיט בוריס יעלצין, און מיט וולאדאמיר פוטין, און זיי אלע האבן אים צוגעזאגט אז די ספרים וועלן צוריקקומען, אבער ער ווארט נאך אלץ.




דער זיגל פונעם רבינ'ס אוצר אין רוסלאנד אין דעם ספר



וויצע פרעזידענט על גור ביי זיין באזוך אין דער רוסישער ביבליאטעק וואו ער האט באקומען דעם תניא פון דעם רבי מהריי״ץ



פרעזידענט קלינטאן מיט ליאון פוירסט אויף עיר-פארס 1 ברענגן
אריבער 7 ספרים פון רוסלאנד קיין אמעריקע

די גאנצע אמעריקאנער רעגירונג, קאנגרעס, סענאט,ביידע פרעזידענטן בוש – דער טאטע מיט'ן זון, פרעזידענט קלינטאן, דאס העכסטע געריכט, אבער ער ווארט נאך אלץ.

מיר געבן איבער דאס ווארט פאר רבי שלמה:

ס'איז געווען ווינטער תשנ"ב. איך בין געווען אין רוסלאנד עוסק זיין וועגן די ספרים, און איך האב געדארפט האבן הונדערט צי צוויי הונדערט טויזנט דאלאר. האב איך געשיקט פרעגןביים רבי'ן אויב איך זאל אפשר קומען צו פארן קיין אמעריקע פאר עטליכע טעג צו שאפן דאס געלט?

דער רבי האט מיר צוריקגעשיקט א צעטל: "אין צריך לנסיעות, הרי יש לו הטלפון." אין אפאר שעה האבן אונז געמאכט א פארבינדונג פון מאסקווע צו מיין זון זושא, און אונז האבן געמאכט דאס גאנצע געלט אין אפאר שעה.

ס'איז דורכגעגאנגען א וואך צוויי, כ"ז אדר א', איך בין געווען אין מיין דירה אין מאסקווע, און איך באקום א טעלעפאן רוף פון מיין זון "חיים נחום", ער זאגט מיר: "טאטי טאטי טאטי... דער רבי איז געפאלן אויפ'ן אוהל..."

איך זיץ אין מיין צימער אינגאנצן שאקירט, 'דער רבי איז געפאלן אויפ'ן אוהל?' רוף איך גלייך דאקטער 'ריכטער' – ער איז מיינער א שוועסטער-קינד, ער איז דער וואס האט געראטעוועט דעם רבי'ן שמיני עצרת תשל"ח בשעת דער רבי האט געהאט א שווערע הארץ אטאקע. זאגט ער מיר: "שלמה, ס'איז זייער א שטארקע סטראוק, ס'איז זייער שווער דער מצב."

פון איין זייט ווי קען א זון נישט קומען צום טאטן?... פון דער צווייטער זייט האב איך געהאט אן ענטפער פון רבי'ן: "אין צריך לנסיעות". נו ווער וועט מיר דארפן געבן אן ענטפער?

די ערשטע זאך דארף מען האבן א טעקסי וואס זאל מיך פירן צום לופטפעלד, די צווייטע זאך דארף איך האבן מיין טלית און תפילין וואס האט זיך געפונען אין דער גרויסער שול אין מאסקווע נישט ווייט פון דער קרעמלין, איך האב אבער קיין שליסל נישט געהאט פון דער שול, די דריטע זאך דארף איך האבן א בילעט, און דעמאלט אינמיטן נאכט איז נישט געווען שייך צו גיין צום לופטפעלד קויפן א בילעט צו פארן.

האב איך געזאגט: "רבי, איר וועט מיר דארפן ווייזן וואס צו טון." אויב וועל איך קענען באקומען א טעקסי איז דאס דער ערשטער סימן, אויב וועל איך קענען באקומען דעם טלית ותפילין איז דאס דער צווייטער סימן, און אויב וועל איך באקומען א בילעט איז דאס דער דריטער סימן אז איך דארף פארן.


דער וויצע פרעזידענט על גור גיט איבער פאר הרב קונין דער תניא פון דעם רבי הרייץ זי"ע

איך גיי ארויס אויף דער גאס, איך שטעק ארויס מיין האנט און גלייך שטעלט זיך אפ א גרויסער שווארצער טעקסי, ס'האט געהייסן אין רוסלאנד א 'טרויקע'. זאגט ער: "רבי, וואו ווילסטו פארן?" זאג איך אים, "קודם וויל איך זיך אפשטעלן ביי דער שול." זאגט ער: "לאמיר גיין."

גייט מען צו דער שול, דארט האט געוואוינט אן ארבעטער וואס האט זיך אפגעגעבן מיט דער שול, אבער אינמיטן נאכט איז ער געשלאפן אזוי מין טיף אז מען האט געקענט קלאפן און קיינער וועט נישט עפענען. למעשה, קום איך אן מיט'ן טעקסי און יענער שטייט דארט ביי דער טיר און זאגט מיר, "רבי, וואס ווילסטו?" דאס איז שוין דער צווייטער סימן אז איך האב מיין טלית און תפילין.

קום איך צום לופטפעלד, ס'איז נאכנישט געווען קיין מאשינען, אלעס איז געווען שטייענדיגע קאונטערס מיט פאראהאנגען, און די איינגעשטעלטע זענען געזעסן מיט פארמאכטע פאראהאנגען. קום איך צו צו איין טישל, עפנט זיך דער פאראהאנג און אן איינגעשטעלטע פרעגט מיר: "רבי, וואס ווילסטו?" זאג איך אז איך דארף א טיקעט צו JFK. האט זי גלייך גענומען דאס געלט און מיר פארקויפט א טיקעט. נו אז אלע דריי סימנים זענען געשען, בין איך געפארן.

בשעת איך בין געקומען צו פארן, האב איך געזען דער מצב וואס טוט זיך אין קראון הייטס. אבער איך בין א מענטש וואס האלט אז מ'קען נישט זיצן און וויינען, נאר מ'דארף טון. לא המדרש העיקר אלא המעשה! האב איך געטראכט אז מ'דארף ברענגען צום רבי'ן איינס פון די ספרים, און דאס וועט אים צוגעבן א שטיק געזונט. אבער וויפיל מ'האט זיך געשלאגן פאר די ספרים די לעצטע פאר יאר, און אלע שתדלנות וואס מיר האבן געמאכט מיט איין פרעזידענט און מיט א צווייטן, א דריטן, בוש דער ערשטער, קלינטאן און מיט דעם גאנצן סענאט, רובו ככולו פון די קאנגרעס האט מען געשיקט בריוו און גארנישט האט געהאלפן. האב איך געטראכט אז יעצט איז נישטא קיין ברירה מ'דארף באקומען פון זיי א ספר פאר'ן רבי'ן!

בין איך צוגעפארן צו וואשינגטאן, איך האב זיך געטראפן מיט על גאור, דער דעמאלטיגער וויצע פרעזידענט פון אמעריקע, פון די חסידי אומות העולם! זאגט ער מיר, "רעביי, וואס גייט פאר?"

זאג איך: "מיין רבי האט געכאפט אן ערנסטע סטראוק, און איך מוז באקומען כאטש איין ביכל פאר דעם רבי'ן. אז איך קען נישט באקומען זיבן צי צוועלף טויזנט, געב מיך כאטש איין ביכל."

זאגט ער: "רעביי, איך גרייט זיך צו פארן קיין מאסקווע אין די נאנטע טעג,



דער ספר קומט צוריק צום רבינ'ס אוצר פאריגע וואך פרייטאג

און איך גיי זיי בעטן א ספר."

מען דארף פארשטיין, אין יענער תקופה האט אמעריקע געגעבן ביליאנען דאלארן פאר רוסלאנד, ס'איז פשוט נישט געווען צו עסן דארט, מענטשן זענען געשטאנען אין דער שורה צו באקומען א שטיקל ברויט, און אמעריקע האט זיי ממש געראטעוועט.

דערווייל בין איך צוריקגעפארן קיין מאסקווע, און א נאכט איידער דער וויצע פרעזידענט איז געקומען, איז געווען אן אסיפה וואו איך האב זיך באטייליגט אינאיינעם מיט'ן קאונסיל דזשענעראל פון אמעריקע; ווי אויך על גאור'ס שליח. זיי האבן מיר געוויזן א בילד פון א געוויסן ספר וואס די רוסן זענען גרייט צו געבן, האב איך זיך אנגערופן: "דאס איז נישט קיין ביכל וואס דער רבי וויל."

מיין זון יוסי זאל זיין געזונט האט אויסגעפונען אז ס'איז דא א ספר התניא וואס האט באלאנגט פערזענליך צום פריערדיגן רבי'ן דער מהריי"ץ זי"ע, וואס ער האט דאס באקומען א מתנה בשעת ער האט אנגעפירט די ישיבה תומכי תמימים אין די צייטן פונעם רבי'ן רש"ב.

זאג איך פאר גאור'ס שליח ביי דער זיצונג, "ס'איז נישט קיין טייערע זאך, ברענג מיר נאר דעם דאזיגן נומער," (יעדער ספר האט דארט א נומער).

גאור איז טאקע אנגעקומען קיין רוסלאנד און ער האט באזוכט די ביבליאטעק, און ער איז טאקע ארויס געקומען פון דארט מיט'ן תניא. ער האט געשריבן א צעטל מיט די פאלגנדע ווערטער: איך האב געשיקט פאר רעביי קונין, ס'איז מיין פערזענליכע מתנה צו געבן דעם ביכל פאר ליובאוויטשער רבי. אונטערגעשריבן "אל גאור". ער האט געשיקט זיינע מענטשן צוזאמען מיט מיר ביז ארויף אויפ'ן פליגער. ער האט נישט געטרויעט די רוסן אז זיי וועלן עס נישט צוכאפן פון מיר!

איך בין אנגעקומען אין ניו יארק. דער רבי איז געזעסן אין א ווילטשעיר ביי דער טיר, איך האב געגעבן פאר'ן רבי'ן דעם תניא, זאגנדיג, דאס איז דער ערשטער ספר ארויסגעראטעוועט צו ווערן פון זייער ביבליאטעק, דער רבי האט צו מיר צוגעשאקלט מיט'ן קאפ.

איינמאל מען האט אויפגעבראכן דעם טויער, איז מען זיך געגאנגען ווייטער שלאגן פאר די אנדערע ספרים, מ'האט זיך ווייטער געשלאגן און ווייטער, ביז ס'איז געקומען צו פארן פרעזידענט קלינטאן. ער האט געהאט א רעכטער האנט 'ליאן פורסט' - א איד, א טייערער איד געווען. ער איז געווען דער פארמיטלער צווישן אונז מיט פרעזידענט קלינטאן.

נו, די רוסן האבן צוגעזאגט פאר קלינטאן אז זיי וועלן צוריקגעבן זיבעצן טויזנט ספרים!

פרעזידענט קלינטאן האט דעמאלט געמאכט א נסיעה קיין אייראפע, ער האט אנגעהויבן אין רוסלאנד, דערנאך האט ער געהאט א סאמיט אין בריסל, און ווען מיר האבן זיך גענומען גרייטן צו באקומען די ספרים, באקום איך פלוצלינג א מעסעדזש פון ליאן אז רוסלאנד זאגט: נאר "זיבן טויזנט." זאג איך: "שוין, וואס קען איך טון, לאמיר עס באקומען."

פון זיבן טויזנט איז געווארן זיבן הונדערט...

יא יא. און פון דעם איז געווארן זיבעציג, און דערנאך זיבן...

איך האב פארשטאנען מיט וועמען מ'האט צו טון, למעשה האבן מיר מצליח געווען צו באקומען די ספרים. פרעזידענט קלינטאן אליין בכבדו ובעצמו האט עס געטראגן אויף עיר פאָרס 1 און געברענגט קיין אמעריקע, און נאך א לאנגען פארצווייגטן דורכגאנג מיט אדוואקאטן און מערכות זענען די ספרים ענדליך געלעגן ביי אונז.

איך האב געכאפט א פליגער פון וואשינגטאן קיין ניו יארק מיט די ספרים

אין די הענט, און איך האב עס געברענגט קיין 770.

איך האב געוואלט צוגיין צום רבי'ן, אבער די גבאים האבן מיך נישט געלאזט, זיי האבן גע'טענה'ט אז דער רבי איז שטארק נישט געזונט און מ'קען נישט צוגיין, מ'קען נישט [אין יענער תקופה איז דער רבי געווען זייער שוואך און זיך כמעט מער נישט באוויזן פאר'ן עולם, און אויסער די גבאים און דאקטוירים האט קיינער נישט געזען דעם רבי'ן]. איך האב אבער געזאגט: "וואס הייסט מ'קען נישט, איך האב געבראכט ספרים."

איך האב נישט געפלאנט אויפצוגעבן אזוי שנעל. אינמיטן טאג האט דער רבי ארויסגעשיקט איינער פון די גבאים פון זיין צימער אז ער וויל שוין דאווענען מנחה, כאטש ס'איז געווען פרי, דאך וויל דער רבי שוין א מנין אויף מנחה. איך בין דעמאלט געווען א חלק פונעם מנין און איך האב דעמאלט געזאגט קדיש נאך מיין טאטע ע"ה. אונז האבן געדאווענט אינדרויסן פונעם צימער, און דער רבי איז געבליבן און געדאווענט אינעווייניג, און בשעת מ'האט געענדיגט דאווענען און מ'האט געזאגט קדיש, און איך האב געזאגט "יתגדל ויתקדש", האט מיין זון צמח ע"ה מיר געגעבן די ספרים, און נאך איידער איינער האט געקענט זאגן א ווארט, האב איך געגעבן אן עפן די טיר פונעם רבינ'ס צימער און איך בין אריינגעגאנגען אין צימער...

ס'איז געווען אזא ווייסער פארהאנג פאר א מחיצה, איך האב גערוקט די מחיצה און געזען דעם רבי'ן ווי ער זיצט מיט אברייטן טלית קטן, מיט א ברייטן ווייסן קלייד, ווי א מלאך ה' צבא-ות! דער קאפ איז געווען אויף ארויף, זאג איך: **"רבי, איך האב געבראכט די ספרים."** דער רבי האט געעפנט די הייליגע אויגן און אזוי געקוקט אויף מיר אין די אויגן, און איך האב עס אוועקגעלייגט נעבן דעם רבי'ן!

**איך וועל דאס קיינמאל נישט פארגעסן, דאס איז געווען דאס לעצטע מאל וואס איך האב געזען דעם רבי'ן בחיים חיותו בעלמא הדין!** איך זע אים א גאנצע צייט, אבער בחיים חיותו איז דאס געווען דאס לעצטע מאל וואס איך האבן געזען דעם רבי'ן.

**זינט דאן איז שוין אדורך כמעט גאנצע דרייסיג יאר וואס די ספרים געפינען זיך נאך אלץ אין געפענגעניש אין רוסלאנד. לעצטנס האט זיך געמאכט א שטיקל אויפוואכונג ווען אן אלטער ספר מיט עטליכע כתבי יד קודש איז געפונען געווארן אויפ'ן אנטיק מארקעט, ווארשיינליך דורך א גנב פון די רוסן וואס האט עס פארקויפט, און מיר האבן עס מצליח געווען צוריקצובאקומען, און פאריגע וואך עס אריינגעשטעלט אין דעם רבינ'ס גרויסער אוצר הספרים.**

**ועוד היד נטויה בעז"ה.**



דער ספר צוריק אין איר פלאץ




דער ספר וואס איז צוריקגעקומען



הרב קונין און הרב לוין אין רוסלאנד אין יענע יארן